ביכער פערלאג „דער האמער".

ו. אדים.

# די יודישע ווירטשאפט און איהרע היסטארישע פאקטארען.

ווילנא — 1906.

דרוקעריי ווישוע אין געברידער ראם.

В. Адимъ.

Еврейское хозяйство и его историческіе дѣятели.

Типографія «Вдова и братья Роммъ», Вильна,
уголъ Духовскаго и Глухого пер. соб. домъ № 1/2.
1906

# די יודישע ווירטשאפט און איהרע היסטארישע פאקטארען.

דאס עקאנאמישע און פאליטישע לעבען פון יודישען פאלק איז אזא ערשיינונג, וואס האט ניט זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון די אייראפייאישע נאציאנען. צי מיר וועלען דורכקוקען דעם ערשטען פעריאד (תקופה) פון דער צייט וואס די יודען פערברענגען אין אייראפא, אדער מיר וועלען דורכנעהמען די היינטיגע יודישע ווירקליכקייט מיט איהרע ברענענדיגע פראגען און אויפגאבען — וועלען מיר אליז איינזעהען, אז דאס יודישע לעבען האט א גאנץ בעזונדערען אייגענארטיגען חאראקטער. מיר ווייסען ניט פון נאך אזא פאלק, וואס זיין גאנץ לעבען זאל אוועק אין איינע וואנדערונגען פון איין לאנד אין דער אנדערער, ווי דאס לעבען פון יודישען פאלק.

ס'איז צו פערשטעהן אזא מין פאקט, ס'הייסט: די אייביגע וואנדערונג ביי א וועלכע ס'איז נאמאדען-גרופע (קאמישעוניקעס) וואס די בעדינגונגען ניפא פון איהר עקסיסטענץ טרייבען איהר דערצו, אז זי זאל איבערוואנדערן פון איין ארט אויפ'ן אנדערן. אבער מען קען דאך ניט פערגלייכען די יודישע מיגראציע מיט א זעלבע נאמאדען-וואנדערונגען. ביי די נאמאדען קומט געוויינטליך פאר די איבערוואנדערונג אויף א שטענדיגער טעריטאריע פון איין געגענד אין דער אנדערן, און תמיד קומען זיי אויס אין בעשטימטע צייטען פון יאהר, און אלע יאהר חזר'ן זיי זיך איבער לויט א בעשטימטען מארשרוט. ביי די יודען אבער האבען מיר אן איבערוואנדערונג יעדעס מאל אויף א נייע טעריטאריע, מען קען נאר ניט זאגען, אז דער יודישער „גלות" האט אפילו די מינדסטע עהנליכקייט צו א נאמאדען-וואנדערונג, ווייל אין דער אייראפעאישער עפאכע פון זיין לעבען האט דאס יודישע פאלק שוין גאנץ לאנג צוריסען אלע פעדים וואס האבען איהם געהאט צונויפ-

געבונדען אַמאָל מיט'ן נאָמאַדען לעבען, און געפּיה־ט אַלעבען פון אַבעזעצטער נאַציאָן.

אין פון דעכטוועגען שטעלט זיך אונז פאָר זיין גאַנצעם היסטאָרישע לעבען, אַלס אַבילד פון אייביגע וואַנדערונגען. און אויף וויפיעל די ערשיינונג איז אַ יוצא מן הכלל, אויף אַזוי פיעל איז זי געבליבען ביז צו דער לעצטער צייט להלוטין אונערק'ערט. דאָס איז איינס. — ווייטער, אין איין צייט מיט דעם, ווי די יודען פלעגען זיך איבערטראָגען פון איין לאַנד אין דער אַנדערער פלעגען פאָרקומען אינערהאַלב פון דער יודישער גרופּע אייביגע ענדערונגען אין געביט פון איהר ווירטשאַפטליכען לעבען. ווי וויכטיג איז אויס צו פאָרשען די אורזאַכען וואָס האָבען גורם געווען צו די היסטאָרישע איבער־וואַנדערונגען פון דער יודישער נאַציאָן, אין צוזאמענהאַנג מיט די ענדערונגען אין אַלגעמיינעם עקאָנאָמישען לעבען פון אייראָפּאַ, — און צו דערווייזען פון דער אַנדער זייט, ווי אַזוי האָבען דאָס אָט די אורזאַכען גורם געווען צו די ענדערונגען אין דער יודישער עקאָנאָמיק.

נור אויב אַנדערע אומשטענדען נויטיגען אונז נאָך טיעף אַריינצוקוקען אין די פערגאַנגענהייט פונ'ם יודישען לעבען, — דאָס איז אונזער בעדערפעניס טיפער צו בעגרינדען יענע וועגען וואָס פיהרען צו דער רעאַלער לעזונג פון דער יודען־פראַגע, — אויף וועלכע מיר פועלי־ציון ווייזען אָן אַלס אויף אַ היסטאָרישע נויטוועגדיגקייט פאַר'ן יודישען פאָלק.

מיר וועלען זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף איינצעלנע מאָמענטען, מיר וועלען נור פּרובען אָנריסעווען אַן אַלגעמיינעם בילד פון דער יודישער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג און אויפדעקען יענע גרונד־אורזאַכען וואָס אונטער זייער איינפלוס איז די דאָזיגע ענטוויקלונג פאָרגעקומען.

אין דעם גאַנצען אייראָפּעאישען פעריאָד פון דער יודישער עקסיסטענץ געפינען מיר איין שטריך אויף וועלכען מיר מוזען אָנווייזען אַלס אויף איהר היסטאָריש־עקאָנאָמישען גרונד־שטריך: דאָס איז די עקסטעריטאָריאַליטעט פון דעם יודישען פאָלק. אָן אָט דעם פונקט דאַרפען מיר זיך האַלטען, בעת מיר נעהמען בעטראַכטען דאָס יודישע לעבען, כדי צו קומען צו געוויסע בעשליסונגען.

די יודישע ווירטשאַפט האָט אַזאַ מין גרונד־אייגענשאַפט, וואָס די ווירטשאַפטען פון אַנדערע נאַציאָנען ווייסען ניט פון איהר. די פערשיעדענע היסטאָרישע פאַקטאָרען האָבען זיך אַלזאָ אייגענאַרטיג דורכגעשלאָגען דורך דער דאָזיגער אייגענשאַפט, און אויף אַזאַ אופן גורם געווען צו דעם אייגענטימליכען גאַנג פון דעם גאַנצען יודישען היסטאָרישען לעבען.

קודם כל ווערט אונז קלאָר, אַז אַ נאַציאָן, וואָס האָט ניט געהאַט קיין שטענדיגע טעריטאָריע, האָט, הייסט עס, ניט געקענט האָבען איהר ערדאַרבייטער־קלאַס. דער פועל־יוצא דערפון איז, אַז די עקסיסטענץ און די ענטוויקלונג פון אַט דער נאַציאָן זענען ניט קיין זעלבסטשטענדיגע, נור זיי הײַנגען אָב׳פון אַנדערע נאַציאָנען.— דער קיום פון די יודען איז מעגליך געווען נור אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנ׳אַנדער טעריטאָריאַלער גרופּע.

וואָס איז אַלזאָ געווען די הויפּט־בעדערפעניס פון דער יודישער עקאָנאָמיק? דאָס איז: צונויפצובינדען זיך מיט דער ווירטשאַפט פון אַ פרעמדען פאָלקסאָרגאַניזם. אַט די שטרעבונג, איז דאָס הויפּטליעדעל וואָס ס׳האָט זיך געשפּיעלט אינווענייג אין יודישען לעבען, זי שטעלט מיט זיך פאָר דעם היסטאָרישען אַסימילירענדען פאַקטאָר פון דער יודישער ווירטשאַפט.

פונקט דער היפך ווי אַנדערע טעריטאָריאַלע נאַציאָנען, פונקט דער היפך, ווי זיי אַליין, בעת דעם ערשטען פעריאָד פון זייער עקאָנאָמישען און היסטאָרישען לעבען, האָבען די יודען געמוזט זיך בעמיהען מיט אַלע כוחות צו אַסימילירען זיך מיט׳ן אַרומיגען לעבען, צו צושמעלצען זיך אין איהם. אַזוי זעהען מיר ווי די יודען זענען געווען צוליעב זייער עקסטעריטאָריאַליטעט געשטימט אַסימילאַטאָריש, צו ערשט אין עקאָנאָמישער הינזיכט, און שפּעטער פּאָליטיש און קולטורעל. — ווי ווייט איז זיי געלונגען צו פערווירקליכען זייער שטרעבונג אין לעבען — דאָס איז אַנ׳אַנדער פראַגע, אַלענפאַלס האָט דער אַסימילירענדער פאַקטאָר געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָליע אין דער עוואָלוציע פון דער יודישער עקאָנאָמיק.

די דאָזיגע אינערליכע אַסימילאַציאָנס־שטרעבונג האָט זיך געמוזט נאַטירליך רעכענען מיט דער לאַגע, וואָס עס האָבען

פֿערנומען די טעריטאָריאַלע נאַציאָנען — צו וועלכע ס'האָט די יודען געצויגען — געגען די שפּאַרעניס פון די יודישע מאַסען, די אַסימיליאַציע מיט די יודען איז פאַר די טעריטאָריאַלע פעלקער אַ קרבן געווען, דען עס האָט זיי געשמעקט מיט דעם, אַז אַ חלק פון זייערע מאַטעריעלע גיטער זאָלען זיי אָבלאָזען לטובת די פרעמדע, די יודען האָבען אַלזאָ געקענט האָפען, אַז זיי וועט געלינגען אַריינצודרינגען אין די אַרומיגע סביבה נור דענסטמאָל ווען דער נוצען וואָס זיי האָבען געבראַכט האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ מין נאַטירליכען עקאָנאָמישען מאָנאָפּאָל. צו דעם, אַז די יודען זאָלען בכלל צוגעלאָזען ווערען, האָבען אַלענפאַלס גורם געווען נור דרינגענדע ברענענדיגע בעדערפניסען.

ביי דער מינדעסטער פערשווינדונג פון דעם נוצען, וואָס די יודען האָבען געבראַכט, האָט געמוזט ענטשטעהען די שטרעבונג מעהר ניט צו דערלאָזען, אַז די יודען זאָלען קריגען אַ טייל פון די לאַנד'סרוחים, ד. ה. אין נאַנצען אַרויסצושטויסען זיי. עס האָט זיך בעוויזען דער היסטאָרישער איזאָלירענדער פאַקטאָר פון דער יודישער ווירטשאַפט.

אַלס די קוועלע פון וואַנען עס האָט זיך גענומען די ווירקונג פון דעם כח, וואָס האָט איזאָלירט די יודישע נאַציאָן און געווירקט אַלזאָ געגען דער אינערליכער אַסימיליאַציאָנס־שטרעמונג מוז מען פערדעכענען די אַרומיגע טעריטאָריאַלע פעלקער, די אויסערליכע געזעלשאַפט.

* *
*

שוין דאָס וואָס מיר האָבען דאָ קורץ אָנגעוויזען אויף די געגענזייטיגע בעציהונגען פון די פערשיעדענע כחות וואָס האָבען געווירקט צווישען די יודען און די אַנדערע נאַציאָנען — קען שוין דיענען אַלס ערקלערונג פאַר די ערשיינונגען פון דעם אונגאָרמאַלען נאַציאָנאַלען זעלבסטבעוואוסטזיין, וואָס ווערט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג בעמערקט אין דער יודישער וועלט. אַז דער יוד האָט שוין ווען עס איז יאָ געדענקט נאַציאָנאַל, האָט דאָס געדויערט נור אַזוי לאַנג, ביז וואַנען מען האָט איהם געשטויסען פון דרויסען, דער נאָרמאַלער געזונדער נאַציאָנאַליזם פון די טעריטאָריאַלע נאַציאָנען איז איהם פרעמד געווען. די באָדענלאָזיגקייט אי

וויִרטשאַפטליכען לעבען האָט געמוזט ברענגען צו דער באָדענ־לאָזיגקייט אין גייסטיג־קולטורעלען לעבען און אויך אין דעם, וואָס ס'איז נוגע צו די אינטערנאַציאָנאַלע בעציהונגען.

* *
*

איידער מיר וועלען איבערגעהן צו דער פראַגע וועגען די אורזאַכען פון דער ענטוויקלונג פון דער יודישער עקאָנאָמיק, קומט אונז נאָך אויס צו בעשטימען די געגענזייטיגע בעציהונגען. פון די פאַקטאָרען, וואָס האָבען זיך היסטאָריש אַרויסגעוויזען אין דער גלות־עפּאָכע פון דער יודישער געשיכטע, אָנווייזען וועלכער פון זיי האָט מעהר געווירקט אויף די ע נ ט וו י ק ל ו נ ג פון דער יודישער וויִרטשאַפט, און וועלכען פון זיי דאַרף מען האַלטען אַלס די אורזאַכע פון דעם אייביגען יודישען אַ ר ו ם וו אַ ל ג ע ר ן זיך איבער אייראָפּאַ.

פרעגט זיך: צי האָט דער אי ז אָ ל י ר ע נ ד ע ר פאַקטאָר, וואָס האָט געווירקט פון דער זייט פון די אַרומיגע פעלקער געקענט גורם זיין צו וועלכע ניט איז ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן אין דער יודישער פאָלקסווירטשאַפט? ניין, ער האָט עס ניט געקענט. אַלס זיין אייגענטליכען רעזולטאַט—אמת, דעם וויכטיגסטען אין דעם אייראָפּעאישען פעריאָד פון אונזער געשיכטע, קען מען פעררעכענען די ע מ י ג ר אַ צ י ע פון איין לאַנד אין דער אַנדערער.— דער איזאָלירענדער פאַקטאָר האָט ניט בעשאַפען און האָט ניט געענדערט די יודישע עקאָנאָמיק; ער האָט נור שטאַרק און דרינגענד אַ ר ו י ס־ג ע ש ט ו י ס ע ן די יודען, דאַן ווען ס'איז פאַרביי די נויטיגקייט אין זיי: ווען טיילען פון דער איינגעבאָרענער נאַציאָן האָבען שוין געקענט אויספילען די אַרבייט, וואָס די יודען פלעגען אויספילען. אין בעצוג צום עקאָנאָמישען לעבען פון די יודען, קען מען בשום אופן ניט פעררעכענען די כחות, וואָס האָבען געווירקט אויף די יודען פ ו ן א ו י ס ע ן, — צלם שאַפענדע, שעפּפעריש כחות, זיי האָבען נור אַ ר י ב ע ר ג ע ט ר אָ ג ע ן אויף אַן אַנדער שטח דאָס גאַנצע פעלד פון דער יודישער וויִרטשאַפטליכער טעטיגקייט. פאַר דער יודישער ווירטשאַפט איז די איזאָליאַציע געווען ניט קיין פּראָגרעסיווער, נור אַ ק אָ נ ס ע ר וו אַ ט י וו ע ר כח.

פּונקט פערקעהרט אָבער: אַלס אַ כח, אָהן שום ספק אַ נ׳ ע וו אָ־ל י צ י אָ נ ע ר, וואָס פלעגט איבערענדערן דאָס עקאָנאָמישע

לעבען פון די יודען. אין איין עפּאָכע צרויסרופען אין איהר (אין דער יודען-גרופּע) נייע קלאַסען, — און אין דער אַנדער עפּאָכע אַזוי ווייט פעראייִנפאַכען איהר עקאָנאָמיק, אַז די יודען זאָלען בעשטעהן כמעט פון איין קלאַס נור — אלס אַזאַ מין כח האַלטען מיר די אַסימיליאַציאָנס-שטרעמונג, וואָס איז אַרויס-געגאַנגען פון אינערהאַלב פון דער יודען-גרופּע,

דער צופּאַסענדער (אַסימיליאַציאָנער) פאַקטאָר האָט תמיד געשטרעבט עקאָנאָמיש צונויפצובינדען די יודען-גרופּע מיט איהר אַרומיגער טעריטאָריאַלער גרופּע, און אַזוי ווי דער כאַראַקטער פון דער ווירטשאַפטליכער סטרוקטור ביי די דאָזיגע נאַציאָנען האָט זיך אָהן אַן'אָבהאַלט געוועכסעלט אי לויט דעם אָרט, אי לויט דער צייט — האָט זיך אויך ווילענדיג ניטווילענדיג געוועכסעלט, אָבהענגיג פון אָט די אויסערליכע בעדינגונגען, אויך די יודישע עקאָנאָמיק. אונטער'ן איינפלוס פון אַכימִלרענדען פאַקטאָר איז פאָרגעקומען די שטענדיגע צופּאַסונג פון די „אינערליכע בעציהונגען צו די אויסערליכע". און אָט אין דער צופּאַסונג בעשטעהט די גאַנצע היסטאָרישע ענטוויקלונג פון דער יודישער ווירטשאַפט.

געוויינטליך פלעגט זיך יעדערער פון אָט די פאַקטאָרען אַרויסווייזען בעזונדער. אין די פעריאָדען (צייטען) ווען דער ווירטשאַפטליכער נוצען, וואָס די יודען האָבען געבראַכט די אַרומיגע פעלקער האָט דערגרייכט ביז צו זיין העכסטער מדרגה, האָט זיך פאַנאַנדערגעבליהט די ווירקונג פון אַסימיליאַציאָנעם עלעמענט, און די ווירקונג פון דער איזאָליאַציע איז געווען אונבעדייטענד. ווען אָבער די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון וועלכער ניט איז טעריטאָריאַלער גרופּע האָט געבראַכט צו דעם, אַז דער ווירטשאַפטליכער מאָנאָפּאָל, וואָס די יודען האָבען געהאַט זאָל פערניכטעט ווערען — דענסטמאָל איז אַרויף אויף די היסטאָרישע סצענע די דרינגענדע איזאָליאַציע פון דער זייט פון דער געגעבענער נאַציאָן. אין אָט אַזאַ מאָמענט איז נאַטירליך בטל געוואָרען די ווירקינג פון דעם אַסימילאַציאָנעם פאַקטאָר; דען אום אָט דער פאַקטאָר זאָל קענען ווירקען מוז עקסיסטירען, אלס אַ נויטווענדיגע בעדינגונג, אַן'עקאָנאָמישע סביבה, צו וועלכער עס זאָל אויסקומען דעם יודישען פאָלק זיך צוצופּאַסען. אָט אַזאַ עקאָנאָמישע סביבה.

האָט אין יענעם מאָמענט ניט עקסיסטירט — און דער אַסיטיליאַציאָנער פאַקטאָר איז אַראָב פון סצענע.

פון אָט די צוויי פאַקטאָרען האָט זיך צונויפגעשטעלט די געשיכטע פון דער יודישער עקאָנאָמיק די פערשיעדענע קאָמבינאַציעס זייערע זענען געווען די אורזאַכען פון די אַלע ענדערונגען און אומוואַנדלונגען אינערהאַלב פון דער יודישער ווירטשאַפט. אָט די היסטאָריש צונויפגעשטעלטע בעציהונגען האָבען גורם געווען דאָס וואָס די איבעריגע אורזאַכען, די אורזאַכען פון דער צווייטער מדרגה, וואָס האָבען געווירקט אויף דאָס יודישע עקאָנאָמישע לעבען — זאָלען זיין אַזוי איגענאַרטיג און זיך אַזוי שאַרף אונטערשיידען פון די אייגענע מאָמענטען אין דער עקאָנאָמיק פון די טעריטאָריאַלע נאַציאָנען.

בעת די ווירטשאַפט פון נאָרמאַלע נאַציאָנען.

א) איז ענטשטאַנען און האָט זיך ענטוויקעלט אין איין און דעמזעלבען אָרט;

ב) זיך צוגעפּאַסט: לכתחילה צו די אונפּערענדליכע (שטענדיגע) נאַטירליך-היסטאָרישע בעדינגונגען, און דער-נאָכדעם צו איהרע סאָציאַל-עקאָנאָמישע בעדינגונגען, וואָס זי אַליין האָט בעשאַפען;

ג) זיך אָהן אַנ׳אָבהאַלט ענטוויקעלט אין דיפערענצירט (צוגליעדערט) אויף קלאַסען לויט איין און דעמזעלבען פּראָגרעסיווען (פאָרטשריטליכען) אופן, — האָט די יודישע ווירטשאַפט.

1) דורכגעמאַכט איהר היסטאָריע אויף אַ גאַנצע שורה פון פערשיעדענאַרטיגע טעריטאָריעס;

2) צוגעפּאַסט זיך, ניט צו נאַטירליך-היסטאָרישע, נור צו געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען, וועלכע זענען איך בעשאַפען געוואָרען ניט דורך איהר אייגענער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג נאָר דורך די ענטוויקלונג פון אַנדערע פעלקער, און,

3) האָט קיינמאָל ניט עוואָלוציאָנירט (ענטוויקעלט זיך) כסדר, אַמאָל איז זי פעראיינפאַכט געוואָרען פון אַ ווירטשאַפט אַ דיפערענ-

צירטע, אַ צוטײַלטע אויף קלאַסען, אויף אַ ווירטשאַפט, וואָס באַשטעהט כמעט פון איין קלאַס נור, און אַמאָל ווידער האָט זי זיך פון דאָס נײַ צוגליעדערט אויף קלאַסען.

די קורצע סכעמע, וואָס מיר האָבען דאָ נור וואָס געבראַכט קען דיענען פאַר אונז ניט נור אַלס אילוסטראַציע, וואָס זאָל באַשײַנפּערליך און בולט'דיג רעזומירען די באַזונדערע שטריכען וואָס צײכענען אויס די יודישע ווירטשאַפט פון דער ניט יודישער, — נור זי וועט אונז נאָך העלפען אָנצוווײַזען, אַז די לעצטע רינגעלעך פון די בײדע רײַהען, די פונקטען ג) און 3), זענען ענג צונויפגעבונדען מיט די גרונדאורזאַכען. די פונקטען א) און 1). און אַזוי ווי פון דעם טעזיס א) קומט אַרויס, דער טעזיס ג) ד. ה., די נאָרמאַלע דיפערענצירונג פון דער געזעלשאַפט, אַזוי קומט אַרויס פון טעזיס 1) דער טעזיס 3) ד. ה. אונאָרמאַלע עוואָלוציע אין דער קלאַסען־צוגליעדערונג פון דעם יודישען פאָלק, וואָס ענטהאַלט אין זיך די קערנער פון יענע קרענקליכע ערשײַנונגען, וועלכע מיר באַמערקען אין דעם הײַנטיגען יודישען לעבען.

אויף וויפיעל מיר האָבען בײַ אַ נאָרמאַלער נאַציאָן איר ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג אויף איין טעריטאָריע (פונקט א), — אויף אַזוי פיעל מוז זי זיך צונויפבינדען צום אָנהײב מיט איהרע אָביעקטיווע נאַטירליכע עקסיסטענץ־באַדינגונגען (פונקט ב'); און אויף אַזוי פיעל שאַפט די ענטוויקלונג פון איהרע פּראָדוקטיוו־קרעפטען און דער וואוּכס פון דער באַפעלקערונג — די נאָרמאַלע קלאַסען־גרופּירונג (פונקט ג), וואָס ענטשפּרעכט אין גאַנצען דעם שטענדיגען, אונפערענדערליכען, פעסטען עקאָנאָמישען באַזיס. די ווײַטערדיגע ענטוויקלונג פון דער נאַציאָן און איהר אינערליכע נאָ־מאַלע דיפערענצירונג מוז זיך געפינען אין אַ געוויסער האַרמאָניע מיט דער שטופע פון דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען און איז עקאָנאָמיש דענקבאַר נור בײַ אַ טעריטאָריאַלער נאַציאָן.

אין דער יודישער ווירטשאַפט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ קלאַסישען בײַשפּיעל פון אַ ווירטשאַפט בײַ אַן עקסטעריטאָריאַלער גרופּע, — האָבען מיר שוין אין דעם פאַקט, וואָס זי האָט זיך ענטוויקעלט אויף אַ גאַנצע שורה פון טעריטאָריעס (פונקט 1) — די היסטאָרישע אונמעגליכקײַט זיך צוצופּאַסען צו נאַטירליכע

לעבענסבעדינגונגען, (פונקט 2). (אַזוי ווי דער ערדאַרבייטער מוּז וואָהנען אויף איין אָרט, אַזוי קען דער וואָס פאָהרט אַרום און בייט זיין וואָהנאָרט קיינמאָל ניט זיין קיין ערדאַרבייטער). אַלס אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער ערשטער אורזאַכע איז די צופּאַסונג נור צו געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען אַליין, און נאָך מעהר צו אַזעלכע, וואָס זענען בעשאַפען ניט דורך איהר איינענער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג. דערפון קומט אַרויס יענע אונגאָרמאַלע דיפערענצירונג פון דער יודישער ווירטשאַפט, וועלכע מיר האָבען אויבען פאָרמולירט (פונקט 3). די עקסטעריטאָריאַליטעט פון דער יידישער נאַציאָן איז אַלזאָ די גרונדאורזאַכע וואָס די אינערליכע צוגליעדערונג איהרע ענטוויקעלט זיך אַזוי אונגאָרמאַל.

די אָנגעוויזענע פאַקטאָרען פון יודישען לעבען וועלען אונז העלפען זיך קלאָר מאַכען איינינע מאָמענטען פון דער יודישער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט, בעלייכטען די אייגענאַרטיגע ערשיינונגען אין דער יודישער ווירטשאַפט, וואָס אין פלוג איז זיי שווער צו פערשטעהן. זיי וועלען אונז געבען די מעגליכקייט צו פערשטעהן, ווי אַזוי קומט עס, אַז די יודען־גרופּע וואָס האָט פיגורירט אין פּאַלעסטינא אַלס אַ נאָרמאַלע טעריטאָריאַלע איינהייט, בעוויזט זיך פלוצלונג אין מיטעלאַלטער, כמעט נור ווי איין קלאַס סוחרים, זיי וועלען אונז אויך העלפען צו פערשטעהן דעם כאַראַקטער און ווערטה פון ציוניזם.

יעצט געהען מיר איבער צו ערקלערען די ענטוויקלונג פון דער יודישער ווירטשאַפט דורך די פאַקטאָרען וואָס מיר האָבען אָנגעוויזען.

נאָכדעם ווי קיין יהודה זענען אַראָבגעקומען די רוימער און געמאַכט איהר פאַר אַרוימישע פּראָווינץ האָט די בעזיגטע, עקספּלואַטירטע יודישע בעפעלקערונג איינינע מאָל געפּרובט אויפצולעבען די זעלבסטשטענדיגקייט פון איהר לאַנד. פעראַכזר'ט האָבען די יודען געקעמפּפט פאַר זייער בעפרייאונג, נור מיט זייער כח האָבען זיי ניט געקענט בייקומען די רוימער און זייערע אויפשטאַנדען זענען דערשטיקט געוואָרען אויפ'ן שטאַרקסטען אופ'ן. כדי צו בעוואָרענען זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל פון די יודישע איבינע אויפשטאַנדען, האָט רוים געצוואונגען די גרעסטע טייל פון דער

בעפעלקערונג צו פערלאָזען זייער היימאַט. אַ טייל פון די פויער'ן, וואָס זענען אָבגעריסען געוואָרען פון זייער ערד און אויך פון די בעלי-מלאָכות און סוחרים — האָבען געמוזט אַוועק קיין איטאַליע. דענסטמאָל האָבען זיך די יודען בעוויזען צום ערשטען מאָל אין אייראָפּאַ אַלס אַן'עקסטעריטאָריאַלע גרופּע. און פאַר זיי איז ענטשטאַנען די פראַגע, ווי אַזוי צו ערהאַלטען זייער קיום שוין אין גאָר נייע בעדינגונגען.

קיין ערד איז ניט געווען, די יודישע ערדאַרבייטער זענען געצוואונגען געווען צוצופּאַסען זיך צו די אומגעענדערטע עקסיסטענץ-בעדינגונגען. און אויף דער סצענע איז אַרויף דער היסטאָרישער אַסימילירענדער פאַקטאָר. כדי זיך צוצופּאַסען צום נייען לעבען האָט דער גאַנצער קלאַס (דער ערדאַרבייטערקלאַס) געמוזט ביי די יודען פערשווינדען. די יודישע ווירטשאַפט דעגראַדירט, מאַכט אַ שריט צוריק און ווערט פעראיינפאַכט...

אַזוי זעהען מיר ווי דער אַסימיליאַציאָנס-עלעמענט האָט איבערגעאַנדערשט דאָס יודישע עקאָנאָמישען לעבען און פערוואַנדעלט די יודען פון אַ נאָרמאַלער נאַציאָן אין אַ גלות-פאָלק. נור די צופּאַסונגס-בעדערפניס האָט נאָך ווייטער געטריבען אויפ'ן וועג צו דער דעגראַדאַציע, (צוריק געהן), דען די אַרומיגע סביבה צו וועלכער עס איז אויסגעקומען די יודען זיך צוצופּאַסען, האָט זיך געענדערט, און ניט צום גוטען. רוים איז געפאַלען; אין אייראָפּאַ האָבען זיך אַריינגעריסען פיעל מחנות פון הונען, אַלאַנען, גאָטען און איבעריגע שבטים, — און דער אַלגעמיינער חאַראַקטער פון דער ווירטשאַפט אין אייראָפּאַ איז נאָך נידעריגער געוואָרען, וויל די נייע פעלקער האָבען ערשט געהאַלטען ביי דער נאַטור-ווירטשאַפט. די נאָכפראַגע אויף די האַנדווערק-פּראָדוקטען איז ביי זיי קליין געווען די נייע ווירטשאַפטליכע בעדינגונגען און די עקאָנאָמישע פערהעלטניסע זענען נאָך איינפאַכער געווען ווי אין רוים, און צופּאַסענדיג זיך צו זיי, זענען די יודען געצוואונגען געווען נאָך פּשוט'ער מאַכען זייער ווירטשאַפטליכען לעבען, פערוואַנדלענדיג זיך אין גאַנצען כמעט אין איין קלאַס פון פערמיטלער-סוחרים.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך דערנידערט די יודישע ווירטשאַפט צוזאַמען מיט דעם ווי עס האָט זיך דערנידערט דער

כאַראַקטער פון דאָס ווירטשאַפטליכע לעבען אין אייראָפּאָ. די יודישע עקאָנאָמיק איז איבערגעאַרבייט געוואָרען לויט דעם לעבען פון די אַרומיגע פעלקער נאָר דורך דעם כח פון דעם אַ ס י מ י ל י ר ע נ ד ע ן פאַקטאָר. —

און נור מיט דער ווירקונג פון אָט דעם פאַקטאָר, קען ערקלערט ווערען די ערשיינונג וואָס איז געווען ביז יעצט ווי אַ רעטעניש: דאָס וואָס אין פערלויף פון דעם גאַנצען מיטעלאַלטער זעהען מיר, אַז די פריהערדיגע גאַנצע, האַרמאָניש ענטוויקעלטע יודישע ווירטשאַפט פון יהודה איז איבערגעגאַנגען אין אַ ווירטשאַפטליכען אָרגאַניזם וואָס איז בעשטאַנען כמעט פון אַ י ן קלאַס. איניגע ערפאָרשער פון דער יודישער עקאָנאָמישער פערגאַנגענהייט, ווען זיי האָבען זיך אָבגעגעבען מיט דער אינטערעסאַנטער פראַגע וועגען די אורזאַכען פון דעם, וואָס אין מיטעלאַלטער ערשיינען פאַר אונז די יודען אַלס אַ קלאַס פון פערמיטלער־קאַפּיטאַליסטען — פלעגען זיך שטעלען אויף גאָר אַנ׳אַנדער שטאַנדפונקט. זיי האָבען משער געווען אַז ביי דער פאַרצייטיגער נאַטורווירטשאַפט האָט שוין ביי די יודען געהערשט אַ העכערע ווירטשאַפטליכע פאָרם, אַ קאַפּיטאַליסטישע. כדי צו פערשטעהן ווי אַזוי איז דאָס ענטשטאַנען ביי די יודען די קאַפּיטאַליסטישע פעהיגקייט, האָבען די דאָזיגע ערפאָרשער אָנגענומען אַלס אַ דערוויזענע זאַך די השערה פון איניגע געלעהרטע (ע. מייער, אַ. אָנקען) אַז אייראָפּאַ האָט שוין איבערגעלעבט אַמאָל דעם קאַפּיטאַליזם און נור „איין פאָלק, די יודען, זענען איבערגעקומען דעם שטורם פון דער גרויסער פעלקערוואַנדערונג, גאָר ניט ענדערנדיג זיך, פעראומערט, פערחמאַרעט, שטייף, טריי צו די אַלטע פאָרמען פון דער פערשוואונדענער וועלט.״ — פון דעסטוועגען האָבען זיי ניט געפּרובט אפילו מיט איין וואָרט ערקלערען, פאַרוואָס האָבען דאָס נור די יודען, און ניט קיין שום אַנדער נאַציאָן, קאָנסערווירט די אַלטע פאָרמען*). —

דער מיטעלאַלטער צייכענט זיך אויס מיט זיין אונגעוועהנליך לאַנגזאַמער ווירטשאַפטליכער ענטוויקלונג. און ממילא האָט ער שוין ניט געקענט ברענגען דערצו, אַז דער אינערליכער געביי פון דער יודישער עקאָנאָמיק זאָל זיך ע נ ד ע ר ן, און אַז אין איהר זאָל זיך אַרויסווייזען די קלאַסען־צוגליעדערונגען. אין פערלויף פון אָט דער

*) פינקוס. עטיודען פון דער יודישער עקאנאמישער געשיכטע.

גאַנצער עפּאָכע, כמעט ביז אונזער צייט, קענען מיר די יודען פריהער פון אַלץ אַלס אַ פערמיטלער־קלאַס און ערשט דערנאָכדעם בעמערקען מיר שוין די האַנדווערקעריי, וואָס איז מיט אָט דעם קלאַס צונויפגעבונדען וואָס האַלט זיך אויף אין געהטאָ און דיענט צו בעפרידיגען די בעדערפניסען פון דער ערשטער גרופּע (פון פערמיטלער־קלאַס).

כל זמן אין אייראָפּאַ האָט נאָך עקסיסטירט חאָטש איין נאַציאָן, וואָס האָט נאָך ניט דערגרייכט ביז צו אַ הויכער מדרגה פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, — זענען די יודען פטיר געווען פון צ ו צ ו פ אַ ס ע ן זייער עקאָנאָמיק צו די נ יי ע בעדינגונגען וואָס זענען ענשטאַנען פאַר זיי דורך דעם וואָס די געגעבענע טעריטאָריאַלע גרופּע האָט זיך דערנעהנטערט צו אַ געוויסער עקאָנאָמישער הויכער מדרגה. זיי זענען בעסער אַ ר י ב ע ר אין אַנ'אַנדער געגענד, וואו דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך נאָך ניט ענטוויקעלט, און וואו זיי האָבען אַלזאָ געקענט האָפען צו ערהאַלטען זייער ווייטערדיגע עקסיסטענץ, ניט אָנקומענדיג צו דעם קרענקליכען פּראָצעס פון דער אינערליכער איבערבויאונג. אַזוי איז די יודישע ווירטשאַפט געשטאַנען אין פערלויף פון אַ גאַנץ לאַנגער צייט אויף איין און דעמזעלבען פונקט, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די אַלע ניט־יודישע ט ע ר י ט אָ ר י אַ ל ע נאַציאָנען האָבען זיך אָהן אַנ'אויפהער ע נ ט וו י ק ע ל ט און איבערגעגאַנגען צו נייע, העכערע פאָרמען פון ווירטשאַפטליכען לעבען.

אָט דער אַרומוואַלגערן זיך, אָהן שום ענדערונגען פון דער יודישער עקאָנאָמיק, פערבלייבענדיג ביי דעם אייגענעם כאַראַקטער וואָס זי האָט געטראָגען מיט צוויי־דריי הונדערט יאָהר צוריק, — האָט געקענט נור פאָרקומען אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס האָבען עקסיסטירט נאַציאָנען מיט אַזאַ מין ווירטשאַפטליכער מדרגה, וועלכע ס'האָט געפּאַסט פאַר'ן יודישען פאָלק, צווישען וועלכע דאָס יודישע פאָלק האָט געקענט זיך בעזעצען, אויספילענדיג וועלכע עס איז ניצליכע פונקציעס. ווען אָבער ג אַ נ ץ אייראָפּאַ איז שוין אַ־יינגעצייגען געוואָרען אין קאַפּיטאַליסטישען שטראָם, איז ווידער אויפגעשטאַנען פאַר די יודען די מורא'דיגע פראַגע אַוועקצוגעהן פון דאַנען, אָדער צופּאַסען זיך [צו די נייע עקסיסטענץ־בעדינגונגען. דיזער קריטישער מאָמענט האָט אָנגעטראָפען די יודען אין פּוילען און פון יענער צייט אָן קומט פאַר אין יודישען לעבען אַ פעראַכ־

זר'טער קאַמפּף צווישען דער אַסימילאַציע און דער איזאָליאַציע. — די מורא'דיגע עמיגראַציע אין אַמעריקאַ דיענט אַלס אַ סימן אויף דעם, אַז עס זיעגען די איזאָלירענדע (אַרויסשטויסענדע) כחות.

נור דאָ אינטערעסירט אונז אַן אַנדער פראַגע, ווי אַזוי איז געפאַלען אונטערן דרוק פון קאַפּיטאַליזם די יודישע מיטעלאַלטער־ווירטשאַפט, און אויף וואָס פאַר אַן אופן זענען ענטשטאַנען יענע אַלע ערשיינונגען וואָס מיר האָבען אין היינטיגען מאָמענט, וואָס אין זייער סך הכל היסען זיי: די „אונאָרמאַלע פּראָלעטאַריזאַציע."

קודם כל האָט דאָ געווירקט דער אומשטאַנד, וואָס די ענט־וויקלונג פון דער יודישער ווירטשאַפט איז תמיד אָבהענגיג געווען פון אַן אַנדער עקאָנאָמישען צענטר. אים אַלגעמיין קענען מיר כאַראַקטעריזירען דעם פּראָצעס אויף דעם פאָלגענדען אופן: בעת ביי די אַנדערע נאָרמאַלע גרופען קומט פאָר דער אָנזאַמלונגס־פּראָצעס (די אָנזאַמלונג פון די קאַפּיטאַלען) ביי איין טייל פון דער בעפעלקע־רונג, און ממילא שוין אויך דער איבערגאַנג פון אָט דעם עלעמענט (די סוחרים פון דער עפּאָכע פון האַנ־דעלס קאַפּיטאַל) צו דער גרויספּראָדוקציאָן. אין איין צייט מיט דעם ווי עס ווערען רואינירט די נידעריגע שיכטען און מאַסענווייז עקספּראָפּרי־אירט — איז ביי די יודען פאָרגעקומען (צוליעב די אָנ־געוויזענע אורזאַכען) דער אינדוסטריאַליזירונגס־פּראָצעס פון די האַנדעלס קאַפּיטאַלען פריהער, איידער עס איז געפאַלען די יודישע קליינע האַנדווערקעריי, די אינדוסטריאַליזירטע יודישע קאַפּיטאַלען, האָבען זיך אַלזאָ גענומען צו דער עקספּלואַטאַציע פון דער ניט יודישער פּראָלעטאַריזיר־טער אַרבייטסקראַפט, און שפּעטער, ווען די יודישע בעלי־מלאכות האָבען שוין אויך פערלאָרען די מעגליכקייט זעלבסטשטענדיג צו ערנעהרען זיך און האָבען זיך געווענדעט צו די פאַבריקען, זענען שוין די לעצטע געוועזען פערנומען פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג.

ווען מיר זאָלען נור פון אָט דעם שטאַנדפּונקט בעטראַכטען דעם פאַקט וואָס די יודען זענען ניט אַריין אין די גרויס אינדוס־טריעלע אונטערנעהמונגען — וועט אונז קלאָר ווערען, דאָס, צַלם

די גרונדאורזאכע פון דיזער ערשיינונג מוז מען האלטען דעם אלגעמיינעם אבהענגיגען (ניט זעלבסטשטענדיגען) חאראקטער פון דער יודישער אינדוסטריעלער ענטוויקלונג.

קאנקרעט קען מען פארשטעלען דעם פראצעס אזוי: די אינדוסטריעלע ענטוויקלונג פון פוילען, וועלכע האט גענויטיגט די קאפיטאלען אריבערצוגעהן צו דער גרויספראדוקציאן, האט מיט זיך אויך אריינגעצויגען די יודישע קאפיטאלען און די עקאנאמישע פעדים, וואס האבען צוזאמענגעבונדען די יודישע סוחרים מיט דער האנדווערקעריי פון געהטטא, רייסען זיך דענסטמאל אב, ווייל די לעצטע דערנעהנטערט זיך צום פוילישען און קליינרוסישען דארף, און ווערט פון איהם עקאנאמיש אבהענגיג. — אלס מענשען מאטעריאל פאר די ערשטע קאפיטאליסטישע אונטערנעהמונגען האבען געדיענט די טייל וויז עקספראפר אירטע קריסטליכע מאסען.

דא דארף מען נאך געדענקען, אז די קאפיטאלען פון דער יודישער בורזשואזיע האבען זיך ניט גענומען דורך די עקספראפריאציע פון די יודישע מאסען, נור א דאנק דער רואינירונג פון דארף דורך די ארטיגע פעאדאלען. און דעריבער זענען די יודישע אינדוסטריעלע אינטערנעהמונגען, אין דער צייט ווען דער יודישער קאפיטאל הויבט זיך אן אינדוסטריאליזירען — איבערפילט געווארען פון קריסטליכע ארבייטער, רעקרוטירטע פון דעם פערארעמטען פויערטום.

און די זיבעציגער יאהרען קומען אן ... די רוסישע דארפישע נאטורווירטשאפט פאלט לחלוטין. אונטער'ן דרוק פונ'ם שטייגענדען קאפיטאליזם הייבט אן דאס דארף רואינירט און בעגזלט צו ווערען. דיזער אונטערגאנג פון דער לאנדווירטשאפט רופט זיך אב אויף די יודען, אויפ'ן טרויעריגסטען אופ'ן: פון איין זייט פאלט איין מיט'ן דארף די לעצטע שטיצע פון דער יודישער האנדווערקעריי און ביי די יודען ענטשטעהט די נויטווענדיגקייט מאסענוויז צו פראלעטאריזירען זיך, פון דער אנדער זייט שטויסט זיך אן אט די שטרעבונג אויפ'ן ווידערשטאנד פון די בויערן־מאסען, וואס פערפלייצען די שטאדט, און צום סוף געפינען די יודען די גרונד־בעטריעבען פערנומען פון דער ארטיגער בעפעלקערונג.

מיר וועלען דא ניט בעריהרען דעטאל די ערשיינונגען פון

רער נאַציאָנאַלער קאָנקורענץ און די אַנדערע זייטיגע אומשטענדען, וועמענס שורש ליעגט אויך אין אונזער אייגענעם עקאָנאָמישען עבר. נור מיר מוזען פערצייכענען דעם פאַקט, דאָס די היינטיגע קאַפּיטאַליסטישע ענטוויקלונג גיט שוין ניט די יודען קיין מעגליכקייט צו ערווערבען אַ וועלכען ניט איז ווירטשאַפטליכען מאָנאָפּאָל.

די אסימילאַציאָנסשטרעמונג רופט אַרויס ביים יורישען פאָלק די שטרעבונג צו פערטיילען זיך אויף קלאַסען און אַזוי צונויפצוגיסען זיך מיט דער אָרטיגער נאַציאָן. — נור אינערהאַלב פון יעדער גרופּע ענשטעהט דער קאַמפּף פאַר איהר עקאָנאָמישער צוקונפט, און די יודען וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר אומעדום אַ אונבעדייטענדע מינדערהייט זענען פערמשפּט, אַלץ מעהר און מעהר אַרויסגעשטויסען צו ווערען.

די אַסימיליאַציע גרייט צו אַ סטרוקטור, וואָס איז עהנליך צו די נאָרמאַלע נאַציאָנען און מאַכט אויף אַזאַ'אופן מעגליך פאַר די יודען דאָס אַריבערגעהן צו זעלבסטשטענדיגקייט, — וועגען וואָס מען האָט אַפילו ניט געקענט טראַכטען אין די פריהערדיגע עפּאָכען פון יודישען לעבען אין אייראָפּא, ווען די יודען זענען נאָך בעשטאַנען נור פון איין קלאַס: דער איזאָלירענדער פאַקטאָר אָבער, אַרויסשטויסענדיג אָט די אַלע גרופּען שליסט זיי צונויף אין איין נאַציאָן דורך דעם סאָציאַלען דרוק וואָס פערגרעסערט זיך אַלץ מעהר און מאַכט פאַר נויטוועגדיג די רעאַליזירונג פון ציוניזם.

בכלל איז די עקאָנאָמישע אַסימיליאַציע אַ נויטווענדיגע ערשיינונג אין דער ענטוויקלונג פון לעבענספעהיגע גרופּען. ביי אַ טעריטאָריאַלער נאַציאָן איז די ענטשטעהונג פון דער עקאָנאָמישער אַסימיליאַציע, צונויפגעבונדען מיט דעם אונפערענדערליכען יסוד פון דער ענטוויקלונג מיט דער טעריטאָריע. און אַזוי ווערט געשאַפען אַ קייט פון אויסערליכע עקסיכטענץ און צופאַסונגסבעדינגונגען, אַ קייט אָהן אַ הפסק, אַ קייט וואָס איהרע רינגעלעך געפינען זיך אין אַנ'ענגען צוזאַמענהאַנג איינע מיט דאָס אַנדערע און אויך מיט דעם יסוד, — מיט דער טעריטאָריע. אַ נאָרמאַלע נאַציאָן חאַראַקטעריזירט זיך דורך דעם, וואָס די היסטאָרישע קייט פון איהר אַסימיליאַציע רייסט זיך ניט איבער און איהרע ווייטערע רינגעלעך שטאַמען אַרויס פון די פריהערדיגע. — ביי די יודען, אַלס אַנ'עקס-

טעריטאָריאַלע גרופּע איז ניטאָ אַזאַ מין פעסטע, גאַנצהייט פון אויסערליכע בעדינגונגען. דער ציוניזם בעדייטעט פאַר דער יודישער נאַציאָן די שאַפונג פון די בעדינגונגען פאַר איהר אונגעשטערטער אַסימילאַציע. מיט די אַרומיגע בעדינגונגען אין געגענזאַץ צו דער לאַגע פון היינטיגען טאָג, וואָס איהר אַסימילאַציע ענטוויקעלט זיך ניט כסדר און רייסט זיך איבער דורך די איזאָליאַציאָנס־ערשיינונגען.

אַ נאָרמאַלע ווירטשאַפט קען נור איין פאַקטאָר: די אַסימילאַציע, די יודישע ווירטשאַפט האַראַקטעריזירט זיך דורך דעם, וואָס זי געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון צוויי פאַקטאָרען, פון אַסימילירענדען און איזאָלירענדען. — ברענגען די יודישע ווירטשאַפט צום ערשטען טיפּ, צום טיפּ פון אַ נאָרמאַלער ווירטשאַפט, דאָס הייסט: לעזען די יודען־פראַגע.